ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# סיפור מאחיו של מהר"ל

אידיש

**675**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה

פון

# מהר״ל מִפְּרָאג׳ם

## אַבְּרודֶער

## ר׳ חַיִים ב״ר בְּצַלְאֵל ז״ל.

א זעהר וואונדערליכע געשיכטע פון דעם גרויסען תנא
וועגען זיין התחברות מיט דעם רמ״א ז״ל,
ארויסגענומען פון מאנוסקריפטען געשריבען אין
א לייכטען זשארגאָן.

פרייז 30 מארק

פערלאג און איגענטהום פון בוכהאנדלונג
יצחק מאיר קאהן לאדז אלעקסאנדריסקי 15.

דרוקעריי מ. צעדערבוים, פיעטרקוב.

תרפ״א—1921

W drukarni M. Cederbauma w Piotrkowie, 1921 r.

# א וואונדערליכע מעשה פון היילינגען גאון רבי חיים ב״ר בצלאל דעם מהר״ל מפראג׳ס א ברודער.

דער רמ״א, הגאון רבנו משה איסרלס, וואס מיר פיהרען זיך נאך זיינע מנהגים און שולחן ערוך האט געהאט א חבר וואס ער האט געהאט מיט איהם געלערנט צוזאמען פון קינדהייט אן, דעם גאון רבנו חיים ב״ר בצלאל וואס האט געמאכט דעם „ספר החיים״ און דעם ספר אגרת הטיול דעם „מהר״ל מפראג׳ס א ברודער. די חברים האבען זיך שטענדיג געלעבט אין גרויס אהבה צוזאמען און ווען דער רמ״א איז געווארען רב אין קראקא האט ער מיט זיך אויך מיטגענומען רבי חיים׳ן און דער מדובר איז געווען צווישען זיי אז ווען דער רמא וועט דארפען אבפאהרען אויף א געוויסע צייט פון קראקא אין גליל אין פראווינץ וואס געהער צו קראקא זאל רבי חיים די צייט פערנעהמען די שטעלע פון רבנות. און א מאל האט דער רמ״א געשיקט רבי חיים׳ען אויף׳ן פראווינץ און דער רמא איז געבליבען אין קראקא. ויהי היום און דער רבי חיים׳ס ווייב איז געשטארבען, ס׳זענען אוועק איניגע צייטען און אין שטאדט האט זיך געטומעלט וועגען שידוכים פאר רבי חיים׳ען, מע האט איהם גערעדט מיט גבירים און מיט רבנים, דעם רמ״א זענען אבער די אלע שידוכים נישט געפעהלען געוועזן, ווייל ער האט גוט געקענט זיין חבר ווי גרויס ער איז. און רבי חיים ווען מען האט איהם אנגע־שלאגען א שידוך האט ער געשוויגען און גאר נישט געענטפערט אלע שידוכים האבען אלזא געמיינט אז רבי חיים פערלאזט זיך אויף׳ן רמ״א אז ער זאל פאר איהם אויסקלייבען א שידוך ווי פאר

איהם פאַסט, רבי חיים האָט עס אָבער נישט געמיינט. און ווען דער רמ״א איז אַ מאָהל אָבגעפאָהרען פון קראָקאָ האָט רבי חיים געשיקט נאָך אַ בעקאַנטען שדכן, וואָס ער האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ קלוגען וואָס קאָן האַלטען ביי זיך אַ סוד און געזאָגט: הער וואָס איך וועל דיר זאָגען נאָר דו זאָלסט עס פאַר קיינעם נישט דערצעהלען, זעה פאַר מיר אויס אַזאַ סאָרט שידוך דאָ אין שטאָדט וואָס דער מענש זאָל זיין פון אַ אָרענטליכע כשר׳ע פאַמיליע, מעגן זיין נישט קיין הויכע, נאָר ער זאָל האָבען אַ בעזונדער הויז אוי הויף מיט אַ סך ספרים וואו ער זאָל מיר קענען האַלטען איך זאָל קענען זיטצען אַליין און לערנען, עס מעג זיין אַפילו פון אַ משפחה בעלי-מלאכות אָדער ער אַליין אַ בעל-מלאכה מאַכט אויך נישט אויס נאָר ער זאָל זיין אַ כשר׳ער, ערהליכער יוד, און מיט דעם בעדינג ער זאָל מרוצה ווערען קיין מענשען נישט מגלה צו זיין אַז איך בין זיין איידעם אויב דו וועסט געפינען די זאַכען זאָלסט דו מיר געבען צוויסען און איך וועל דיר זאָגען וואָס צו טהאָן, דער שדכן איז געגאַנגען, גענומען זוכען איבער׳ן שטאָדט און געפונען אַ בעקער וואָס ער האָט געקענט פאַר אַ כשר׳ן יודען, ער איז אַלוא צו איהם געקומען און געזאָגט: הער ברודער, איצט קאָנסטו זוכה זיין צו אַזאַ הצלחה וואָס דו האָסט זיך גאָר קיינמאָל נישט געגלויבט אַז דיינע אייניקלעך זאָלען דאָס קענען האָבען, דו קענסט איצט האָבען רבי חיים׳ען פאַר אַ איידים דען ער האָט מיר אַזוי און אַזוי געזאָגט און איך ווייס אַז דו האָסט אַ אָרענטליכע מיידעל און אַ בעזונדער צימער אין הויף, און וועגען די ספרים וואָס דו האָסט נישט דאַרפסטו זעהן וואָס צו טהאָן, נאָר זעה ההר והזהר זאָלסט עס קיינעם נישט דערצעהלען, זעה זיך צואיילען, די זאַך גיכער צו מאַכען, וויל ווען דער רמ״א וועט צוריק קומען פון גליל וועלען מיר שוין וועגען דעם נישט קענען רעדען, דער בעקער אַ ערהליכער יוד אַ ירא שמים אָהן קונצען וואָס האָט גערן געוואָלט זוכה זיין צו האָבען איידים׳ס רבנים האָט איהם באַלד געענטפערט: נאַ דיר

צװײ טױזענד גילדען מזומנים און געה צום רב און נעדם בײ איהם א רשימה פון די ספרים װאס ער דארף, קױף זײ און שטעל זײ אװעק בײ מיר אין הױז דער השם יתברך זאל דיר נאר העלפען זאלסט קאנען אױספיהרען די זאך אז עס זאל זײן למזל. דער שדכן איז אװעק מיט שמחה, ער האט גוט געװאוסט אז דער בעקער װעט איהם פאר זײן טרחה גוט בעצאהלען, ער איז אלזא געקומען צו רבי חײם'ען און דערצעהלט די מעשה, די זאך איז רבי חײמ'ען געפעלען געװארען, ער האט איהם געגעבען א רשימה און דער שדכן האט געקױפט די אלע ספרים, האט געמאכט רײן די שטוב אװעקגעשטעלט די ספרים, און די זאך איז געװען בסוד גדול, קײן שום ילוד-אשה האט פון דעם נישט געװאוסט, און דער בעקער האט אױף זיך גענומען ער זאל עס קײנעם נישט דערצעהלען, ער זאל זיך נישט רירהמען פאר קײן שום בן אדם אפילו נאך דער התונה אז ער האט רבי חײמ'ען פאר א אײדים, אױך מאכען דעם קשר, צו די תנאים איז קײנער נישט געװען אױסער זײ אלע דרײ. נאך די תנאים האט זײ רבי חײם געהײסען געהן אהײם און װארטען ביז א געװיסע צײט. נאכער װי דער רמ"א װעט צוריק קומען, װעט ער זעהן װי צו מאכען.

אלס דער רמ"א איז צוריק געקומען פון װעג און רבי חײמ'ען הערצליך בעגריסט האט ער געזעהן אז רבי חײם איז פערזארגט נישט בײם פולען מוטה, װאס זעהסט דו עפעס הײנט אזױ שלעכט אױס, האט איהם דער רמ"א געפרעגט, װאס פעהלט דיר דא בײ מיר, אפשר איז דײן עגמת נפש װײל דו ביסט אהן א װײב, זאלסט דו װיסען אז דו װעסט באלד געהאלפען װערען. זײענדיג אין װעג האט מען מיר פארגעלעגט פאר דיר א שידוך מיט יענעם למרן און גביר פון יענע שטאדט, איך האב נאך קײן קלארע תשובה נישט געגעבען, דאך איז עס מיר געפעהלען פאר א גלײכע זאך אױב דו װילסט װעל איך שרײבען א בריעף װעט ער באלד קומען און מען װעט די זאך למזל ענדיגען, רבי חײם האט אױף דעם

נעשוויגען. גארנישט געענטפערט און אין איניגע טעג ארום זאגט ער צום רמ״א ווייסט מיין טייערער ליבער חבר וואס איך האב בעשלאסען פאהרען צו מיין פאמיליע אין פראג, זאגאר די ביסט מיר דאך בעסער פון צעהן ברודער דאך בענקט מיר דאס הארץ איך וויל מיך זעהן מיט מיין פאמיליע און מיט מיין ליכטיגען ברודער דעם גרויסען מהר״ל, ביי די ווערטער האט זיך ביים רמ״א געוויזען טרעהרען אין די אויגען, ווי הייסט, האט ער געזאגט. די זאלסט עס מיר טהאן וואס מיר זענען אזוי געקניפט און געבונדען וואס דו ביסט מיר טייערער ווי צעהן זיהן, וואס פעהלט דיר דען ביי מיר, רעד בעסער נישט אזעלכע דבורים וואס פערשאפען מיר גרויסע קרענקונג. איך וועל דיר פון מיר נישט אוועקלאזען, רבי חיים האט אויך געוויינט, האט געשוויגען. גארנישט געענטפערט, און אין א משך פון א צייט האט ער איהם ווידער געזאגט: האלט מיך נישט אב, דען איך קאן נישט משנה זיין מיין ווארט וואס איך האב געזאגט. די הארץ ציהט מיר צו מיין פאמיליע. איך בין דאך נישט געבוירען פון א שטיין וויל אויך מקים זיין די מצוה פון אבגעבען כבוד א עלטערען ברודער וואס דאס איז דאוריתא, אלזא דארפסט דו אויף מיר קיין פעראיבעל נישט האבען, ס׳איז מיר ווירקליך שווער פון דיר זיך אבצושיידען וואס זאל איך אבער טהאן, סאיז אזוי בעשלאסען געווארען און אזוי מוז זיין, ווי דער רמ״א האט געזעהן אז ער האלט זיך פעסט ביי זיין דעה און קיין ווערטער וועלען נישט העלפען האט ער געזאגט צו רבי חיים׳ען אויב אזוי לאז מיך וועל איך דיר האטש מכבד זיין פאר דיין אבּרייזען און דעם קינפטיגען ראש חדש וועל איך פון דיין לכבוד וועגען מאכען א סעודה פאר די נכבדים פון שטאדט, און נאכהער וועל איך דיר אוועקשיקען בשלום מיט שמחה און געזאנג ווי דיר פאסט, רבי חיים האט איהם געדאנקט פאר׳ן כבוד, און ווען ס׳איז געקומען ראש חדש האט דער רמ״א געמאכט א גרויסען מאהלצייט פאר די עלטסטע פון שטאדט, אין מיטען דער סעודה האט יעדער

נעדרש׳ענט „רזין דאורייתא״ סודות. וואונדער אין דער תורה וואס דער השם יתברך האט אונז געגעבען ווי אזעלכע גאונים און קרושים, נאכהער האט דער רמ״א געדונגען א טייערע קארעטע און משרתים,וואס זאלען איהם אויף׳ן וועג בעדיענען. רבי חיים האט אבער גארנישט געוואלט. ער האט נאר גענומען מיט זיך דעם אויבענדערמאנטען שדכן. ווי רבי חיים האט זיך איינגעזעצט אין די קארעטע איז איהם דער רמ״א מיט א קאמפאניע נכבדים פון שטאדט געפאהרען בעגלייטען. נאך זיי איז געגאנגען כמעט די גאנצע שטאדט, מענער, ווייבער און קינדער, וועהענדיג דעם רב מיט די גאנצע „פני״ פאהרען איהם בעגלייטען זענען אויך אלע נאכגעגאנגען. אויך דער אובענדערמאהנטער בעקער איז אויך געוועזען בתוכם, אבפאהרענדיג א צווייי ווייארסט פון שטאדט איז דער רמ״א געפאלען אויף׳ן האלדז רבי חיים׳ען, זיי האבען געוויינט אויף׳ן אבשיידען זיך איינער פון אנדערען. און זיך געווינשעוועט, דער רמ״א מיט דער גאנצער סביבה זענען געפאהרען צוריק אין שטאדט נאר דער שדכן איז געבליבען צו זיין זיין משרת. און אויך דער בעקער האט זיך אבגעשטעלט צו זעהן וואס דא וועט זיין. מיט זיי איז רבי חיים אזוי ווייטער געפאהרען ביז נאכט. ווי ס׳איז געווארען נאכט האט רבי חיים אבגעפארטיגט דעם בעל-עגלה א היים, זאגענדיג אז דא וועט ער דינגען אנ׳אנדערען. ער האט זיך איבער־געטהאן אין אנדערע מלבושים. און זיי האבען געדונגען א בעל־עגלה צו פאהרען אין קראקא. קומענדיג אין שטאדט האבען זיי אראבגעשטיגען צום בעקער אין הויז. האבען געשיקט נאך זיעבען איינפאך פראסטע מענשען פון המון מצרף צו זיין צום מנין, וועל־כע האבען רבי חיים׳ען נישט געקאנט מע האט געשטעלט א חופה דער שדכן האט מסדר קידושין געווען און רבי חיים האט מקדש געווען זיין ווייב כדת משה וישראל. נאכהער האט מען פאר די זיעבען מענשען געמאכט א מאלצייט. פאר טאג זענען זיי זיך צע־גאנגען, מען האט אלזא גארנישט געוואוסט, נאר א קול איז ארויס

אז דער בעקער האט די נאכט התונה געמאכט זיין טאכטער און האט קיינעם נישט גערופען אויף די חתונה, קרובים און בעקאנטע האבען זיך שטארק געוואונדערט. ס'איז ביי אלע געווען א פלא, נאר אז מ'האט איהם געפרעגט האט ער שוין געפונען פערשיעדענע תרוצים אזוי אז מיט דער צייט איז עס פארגעסען געווארען, און רבי חיים איז נישט ארויסגעגאנגען מפתח ביתו. איז געזעסען טאג און נאכט, האט אנ"אויג נישט צוגעטהאן נאר עוסק געווען בהתמדה גדולה אין לערנען, האט געלערענט תורה לשמה, לשם שמים. אזוי איז ער געזעסען צוויי יאהר און קיינער האט פון דעם גאר-נישט געוואוסט.

אין יענע צייט איז אין קראקא געשעהן א מגפה רחמנא לצלן וואס אלע די גאנצע שטאדט. זענען געקומען צום רמ"א, דעם רב פון שטאדט ער זאל מתפלל זיין און בעטען רחמים ביים רבונו של עולם ער זאל אבהאלטען די מגפה. דער רמ"א האט געהייסען חוקר ודורש זיין אין שטאדט, טאמער וועט מען הערען פון וועלכע עם איז זינד און דאסגלייכען וואס מע ווערד דורכדעם געשטראפט. דערווייל זענען געקומען מענשען און דערצעהלט דעם רב אז עס געהט אום א קלאנג אז דעם בעקערס איידים וואס איז שוין צוויי יאהר נאך זיין חתונה, לעבט מיט יענע [illegible]. דער רב האט איהם באלד געהייסען ברענגען. די שמשים זענען זיך אוועק צו רבי חיים'ען אין הויז און האבען איהם געבראכט צושלעפען, זיי האבען איהם נישט דערקענט, און איהם אוועקגעשטעלט אין די גרויסע בית-דין שטוב. דער רמ"א איז דאן געווען ביי זיך אין צימער. אז מ'האט איהם געגעבען צו וויסען אז דער בעל-עבירה שטעהט שוין אין בית-דין שטוב איז ער ארויסגעקומען, און ווי ער האט אויפגעהויבען די אויגען ארייננצוקוקען איהם אין פנים האט ער איהם דערקענט. ער האט איהם באלד געהייסען פריי לאזען, האט איהם גיך אריינגענומען צו זיך אין צימער. איהם געפאלען אויפ'ן האלדז און זייער געוויינט. אלס ער האט אויפגעהערט צו

װײנען האט ער אױפגעהױבען די אױגען און געזעהן רבי חײם לאכט. דער רמ״א האט איהם אלזא געפרעגט דרײ זאכען, ערשטנס װי קומסט דו צום בעקער צו זײן זײן אײדים, צװײטענס, מיט װאס האסט דו געזינדיגט װאס מע זאל אויף דיר אױסטראכטען אזא פרעמדע זאך, דריטענס װאס לאכסט דו. אויף דעם האט איהם רבי חײם געענטפערט, אויף די ערשטע שאלה װאס איך האב מיר אױסגעקליבען דעם בעקער איז װײל איך האב בײ דיר אין הויז געהאט גרױסע שטערונגען אין לערנען און דאװנען, איך האב נישט געקאנט עוסק זײן אין עבודות השם װי געהער צו זײן, האב איך מיר אלזא אױסגעקליעבען א ארט, א שטילען ארט װאו איך זאל קענען לעהרנען און דאװנען און קײנער זאל מיר נישט שטערען, צו דעם צװעק האב איך גערופען יענעם שדכן און ער האט מיר בעזארגט מיט אזא ארט נאך מײן פערלאנגען, און דאס װאס דו פרעגסט מה פשעי ומה חטאתי, איז די זאך אזױ, שוין צװײ יאהר אז איך בין יומם ולילה עוסק אין תורה און עבודה און מיר פעהלט גארנישט. ס׳איז מיר אמת זײער גוט, דען מײן שװער האלט מיר אויס בכבוד גדול, און מײן װײב איז א אשה כשרה פאלגט דעם מאן, פיהלעניג אז עס איז מיר זײער גוט האב איך אנגעהױבען מורא צו האבען איך זאל נישט װערען בײ זיך שטאלץ, קריגען גדלות, האב איך געבעטען בײם השם יתברך ער זאל געבען עפעס שפלות, איך זאל נישט זײן בײ זיך גדול׳דיג, איך האב חלילה נישט געמײנט אויף אזא שפלות חס ושלום נאר אז דער רצון פון בורא ברוך הוא איז אזױ איז מיר אויך ניחא. און דאס װאס די פרעגסט מיר װאס איך לאך, איך האב געלאכט װאס דו האסט געװײנט, דער רמ״א איז נאכהער ארױס געגאנגען צו די שמשים װאס זענען געשטאנען גרײט מיט ריטער צו שלאגען דעם בעל-עברה און געהײסען אבלאזען, דער מענש איז נישט קײן בעל עברה, און רבי חײמ׳ען האט ער געהאלטען בײ זיך צװײ װאכען ביז ער האט איהם געלאזען אהײם,

די װערטער אָבער װאָס רבי חײם האָט געזאָגט אַז ער האָט געבעטען בײַ נאַכט שפלות איז דעם רמ״א גוט געלעגען אין געדאַנקען, ער האָט זיך אַלזאָ מישב געװעזען און בעשלאָסען צו געהן זעהן אין דער שטיל װאָס ער טהוט, אויב סאיז ריכטיג װי ער האָט געזאָגט, ער האָט אַלזאָ גענומען זײַנע שמשים װאָס האָבען געװאוסט װאו דער בעקער װאױהנט און צװײ אַ זײגער נאָך האַלבע נאַכט איז ער אַװעק צו איהם אין הויף, זיך געשטעלט אונטער׳ן פענסטער װאו רבי חײם איז געזעסען אום צו הערען װאָס ער טהוט. און ער האָט געהערט װי צװײ קולות לערנען זײער שאַרף. געמליך הויך, טיעפזיניג מיט גרויסען שכל לערנען זײ צוזאַמען אַזוי אַז עס איז יעדעס װאָרט געװען צו קושען, איין קול האָט ער דערקענט זײַן חבר רבי חײם׳ס דער אַנדערע קול אָבער איז איהם געװען גאָר אונבעקאַנט. דער רמ״א איז אַזוי געשטאַנען אַ ערך פון אַ האַלבע שעה, נאָכהער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טהיר און געבעטען עפענען, אויף די פראַגע װער איז דאָס האָט ער געענטפערט: איך בין משה אויסערליש. ער האָט איהם באַלד געעפענט, נאָר אַלס דער רמ״א איז אַרײַן עין שטוב האָט ער געזעהן נאָר רבי חײם אַלײן זיצט אויסער איהם איז קײנעם נישט צו זעהן, קײן ילוד אשה. איך האָב דאָך געהערט, האָט ער געפרעגט, צװײ קולות לערנען און איצט זעה איך דאָ קײנעם נישט נאָר דיר אַלײן, זאָג מיר אַלזאָ װער האָט דאָ מיט דיר געלערענט. איך בין אויף דיר גוזר זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת. אַז די ביזט אויף מיר גוזר מוס איך דיר פאָלגען און זאָגען דעם אמת. האָט רבי חײם געזאָגט, דאָ זיצט אליהו הנביא. ער לערנט מיט מיר שטענדיג און איז איצט אויך דאָ. דאָ איז דער רמ״א בײַ זיך אַראָבגעפאַלען און געזאָגט, פרעג זשע אַלזאָ בײַ אליהו הנביא אַז ער איז דאָ, זאָל ער מיר מוחל זײַן און זאָגען, װאָס טויג איך נישט. פאַר װאָס געפעהלט איך איהם נישט און אין װאָס בעשטעהט מײַן זינד װאָס ער װײַזט זיך מיר נישט, װאָס איך קאָן נישט זוכה זײַן איהם צו זעהן און לערנען תורה פון זײַן מויל. דאן האָט אליהו הנביא װאָס איז

דארט געװען געזאגט צו רבי חײם'ען, זאג דעם רב רבי משה איסערליש אז דו מיט דײן גרױסקײט ביסט דו נאך נישט געקומען אפילו צו די קנעכעל פון רמ"א. נאר מיר לײדען נישט קײן ברײטע ארבעל. דאס הײסט די גרױסקײט די גאוה פון רבנות, אמת א רב קאן אנדערש נישט זײן אבער מיר ליעבען נאר דעם װאס איז בײ זיך שפל'דיג און בעשײדען. װײזט זיך נישט ארױס פאר מענשען, נאר צו אזא ענטדעקען מיר זיך. און װײל דער רב טראגט דאך אױף זיך א יאך פון רבנות און ער מוז זיך אזױ פיהרען, װולען מיר זיך אלזא צו איהם נישט מגלה זײן און שטערען פון זײן ארבײט פון זײן געטליכער עבודה. יהי רצון אז מיר זאלען אלע זוכה זײן צו די גרױסע ליכט און צו א גאולה שלמה במהרה בימינו אמן.

# מפענח נעלמים

ע״י הרב הצדיק הקדוש מוהר״ר

## יחיאל מיכל מזאלטשוב

אין דר מעשה ווערט דר ציילט וויא עס האט זיך אמאל געטראפין אז איודיש קינד איז געבליבין אין א גרוב ביי איין שררה פון קינדהוויים אן, ביז השי״ת האט אים פון דארטין ארויס געצויגין דורך איין נכרי און ער האט אים פאר פירט צווישין יודין, און פון דעם קינד איז געווארין א גאון עולם, און איז געקומן דער צו אז ער זאל נעמען זיין איינגע שוועסטער פאר אווייב בטעות, נאר הרב הצדיק הנ״ל האט דאס ארויס געזעהן פריער מיט א יאר, און האט אים מציל געווען פון דר עבירה דורך אקוויטעל אזו וויא דא ווערט דר ציילט אזו זאל השי״ת אונז אלימען אפ היטן פון אלערליי שלעכטש ובא לציון גואל אמן סלה:

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

ווילנא

שנת תרנ״ח לפ״ק

МФАНАЙАХЪ НЕЛУМИМЪ.

ויהי עס איז אמאל געוועז איין ארענדאר ער איז געוועז זייער איין ערליכר יוד אונ איז געזעסן אין איין דארף ביי איין שררה ער הט געהייסן ר' ישראל. דר רענדאר איז געוועז ביי דעם שררה זייער חשוב. היינו ער הט אן דעם רענדאר גיט געמאן קיין שום זאך ער האט גיט גקופט אויך ניט פאר קופט אן דעם רענדאר. ער איז אפ געזעסן ביי דעם אדון אציימ פון עטליכע יאר. ראטעס פר דעם דארף פלעגט ער צו צאלן אומגארע דס הייסט פר יעדערן קווארטיל הט ער געצאלט פריער. דר אדון איז פון ר' ישראל זייער קאנטענט געוועז. אין עטליכע יאר ארום מאכט זיך דעם ר' ישראלען איז שלעכט געווארן אין דר ארענדע אונ ער איז געווארן ארעם. עס איז גקומן דס קווארטיל ער הט גיט צו געבן דעם שררה קיין געלד אומגארע. הט ער גבעטן דעם שררה אז ער וועט אים געבן איזדאלע דאס הייסט דס קווארטיל וועט אום גיין וועט ער אים באצאלן. דר שררה מחמת ער הט אים זייער ליב געהאט הט ער ביי אים גפועלט אז ער וועט נעמן ביי אים איזדאלע. עס איז גקומן נאך דעם קווארטיל ער הט ווייטער גיט. ער בעט דעם שררה ער זאל אים ווארטן וועט ער אים שון געבן מיט אמאל פר איין האלב יאר. דר שררה איז אפ אויך מרוצה געווארן אז ער זאל געמן ביי אים פר אהאלב יאר. עס איז גקומן צום האלבן יאר אונ ער האט ווייטער ניט צו געבן. זאגט דר שררה צו אים ישראל דו ווייסט אליין וואול אז איך טוה ניט קיין שום רענדאר פון אלע מיינע רענדארס דס וואס איך טוה דיר. ווייל איך האב דיך ליב טוא איך דיר נאך מיין זיך אפ אין דארף ביז סוף יאר אונ סוף יאר זאלסטו זעהן מיר אפ צו געבן די ראטע פון גאנצן יאר. גאר באם לאו אז דו וועסט נים אפ געבן סוף יאר וועט גאנצן די ראטע זאלסטו וויסן אז דו מיט דיין ווייב

און וויפיל קינדר דו האסט זענט איר אלע פר פאלען איך ווער אייך אריין ווארפן אין איין גרוב ביז איר וועט דארט אום שטארבן. און גדענק דם גאנץ גוט און זעה סטארע זיך אז דו זאלסט האבן די ראטע פר אגאנץ יאר. דר ר' ישראל רענדאר דאנקט אים זעהר שיין און גייט פון אים אהיים. ער טראכט זיך וויא אזו עס וועט דר גאך זיין גוט איז אים איין חיי שעה. ער איז אפ געזעסן דם האלבע יאר אבר דר אומגליק הט אים צו גדינט אז עס איז גקומן סוף יאר ער קאן אים ניט געבן אפילו פר איין קווארטיל. דר שררה שיקט אים רופן און זאגט אים נוא ווי איז מיין געלד. זאגט ער אז ער הט ניט איז די שררה גווארן אין כעס. און הט גשאפט מען הט גנומן דעם רענדאר און די רענדארקע און זיי האבן גהאט צוויי קינדר און מיט דעם דריטן איז זיא גוועזן מעוברת און מען הט זיי מיט אלייטר אראפ גלאזט אין איין גרוב. און מען הט גהייסן זיי געבן אלע טאג צו פונט ברוט און איין קווארט וואסר אויף יעדרן מענש. דארטן האבן זייא גדארפט לצורך אויך גיין (רחמנא לצלן) דר איינפיר איז גוועזן אז אלע נאכט הט גדארפט גיין צו דעם גרוב אנגרי אויף סטראזע. פלעגן די גברים גיין אלע נאכט אקאליע. אז זייא פלעגן קומן צו גיין אויף דר סטראזע פלעגן זייא זיך אריין ביגן אין גרוב און פרעגן ישראל לעבסטו הט ער גענפרט יוא:

ובאותו הכפר אין דעם דארף זענן גוועזן צווייא גברים איינר איז גוועזן אבעזדיטניק ער הט קיין קינדר ניט גהאט, און איז גוועזן אסאוועסניע זייער. די גאנצע גראמאדע האבן אים ליב גהאט און ער איז גוועזן זייער רייך ער הט גהייסן איוואן. דר אנדרר איז גוועזן איין גמיינר האדזייאן און איז געווען זייער אשלעכטר. אז דיא גאנצע גראמאדע הט אים פיינט גהאט ער הט גהייסן לאקאש. דר איוואן הט ליב גהאט איין יודן און דר לאקאש הט פיינט גהאט איידן אין גוועזן אז איוואן איז גקומן אויף דר סטראזיע און האט גזעהן אז אין די פאלאצען איז שון פינצטר. פלעגט ער זיך אריין ביגן דעם קאפ אין גרוב און פלעגט מיט דעם רענדאר ריידן און הט אים אלץ גפרעגט. ישראל חס וועט זיין דר סוף

וָוס דו וָועסְט דָא זִיצְן • עֶנְפֶרְט אִים דֶר רֶענְדַאר פַאר שְׂטַייא אַלֵיין וָוס קָאן אִיךְ טָאן • אִיךְ זָאל זַיין אִין דְרוֹסְן וָואלְט אִיךְ זִיךְ גְקָאנְט אֶפְשַׁר עֵצוֹת גֶעבְּן • אז אִיךְ זָאל דִי וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר אוֹיךְ אַרוֹם נֶעמֶן אָבֶּר אַז אִיךְ לִיג אִין גְרוּבּ וָוס קָאן אִיךְ טָאן •

דֶר אִיוַואן פְּלֶעגְט אִים טְרַייסְטְן • אִיר הָאט אֵיין גְרוֹסְן גָאט וֶער אִיז אַפְּתִיר אֲסוּרִים עֶר קָאן דִיךְ פוּן דַאנֶן אוֹיךְ אַרוֹם נֶעמֶן אוּנ הָט אִים גְוִוינְטְשְׁן אַגוּטֶע נַאכְט • אוּנ הָט זִיךְ אוֹיךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפְן • אָבֶּר אַז דֶר רָאקַאש פְלֶעגְט קוּמְן • הָט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַרַיין גְבוֹגְן אִין גְרוּבּ מִיט דֶעם קָאפּ אוּנ הָט אִים גְפְרֶעגְט • יִשְׂרָאֵל לֶעבְּסְטוּ זָאגְט עֶר יוֹא • הָט עֶר אִים אָן גְשָׂאלְטְן אוּנ הָט אִים צוּ גְוִוינְטְשְׁן אַז עֶר זָאל שׁוֹן פוּן דָארְטְן נִיט אַרוֹס •

דֶר וַוייל אִיז דִי רֶענְדַארְקֶע דָארְטְן גְלֶעגְן גְוָוארְן אוּנ הָט גְהַאט אֵיין קִינְד • נָאר וַוייל עֶס אִיז גְוֶועזְן אָן אֵיין בָּאבֶע הָט דָס קִינְד נִיט לַאנְג גְלֶעבְּט אוּנ אִיז דָארְטְן גִישְׁטָארְבְּן לִיגְט שׁוֹן דָס קִינְד אוֹיךְ דָארְטְן • אוּנ דִיא וָוערֶעם עֶסְין דָס • אִין עֶטְלִיכֶע וָואכְן אַרוֹם דַארְף אֵיין קִינְד פוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶר אוֹיךְ שְׁבָאךְ וֶוערְן אוּנ אִיז אוֹיךְ גִישְׁטָארְבְּן אוּנ לִיגְט אוֹיךְ אִין גְרוּבּ • דִיא זַאךְ הָט אַזוֹ גְוֶוערְט עֶרֶךְ צְוֵויי יָאר • נָאר דֶר שְׂרָרָה הָט אֵיינְמָאל גְשִׁיקְט גְוָואר וֶוערְן זַיין יֶעקָאנָאם צוּ זַיי לֶעבְּן אַלֶע • הָט עֶר גְזֶעהְן אַז צְוֵויי קִינְדֶר זֶענֶען טוֹט נָאר עֶר מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ אֵיין קִינְד לֶעבְּן נָאךְ קָאם קָאם :

וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם עֶס אִיז גְוֶועזְן סוֹף צְוֵויי יָאר • אִיז דֶר אִיוַואן גְקוּמְן אוֹיף דֶר אוֹסְטְרַזֶיעֶ צוּם גְרוּבּ דֶר נָכְרִי אִיז גְזֶעסְן לֶעבְּן גְרוּבּ בִּיז עֶר הָט גְזֶעהְן אַז אִין דִי פַאלַאצֶען אִיז שׁוֹן פִינְצְטֶער הָט עֶר אַרַיין גְבוֹגֶען דֶעם קָאפּ אִין גְרוּבּ אוּנ זָאגְט יִשְׂרָאֵל לֶעבְּסְטוּ זָאגְט עֶר קָאם קָאם • פְרֶעגְט עֶר אוּנ דִי רֶענְדַארְקֶע זָאגְט עֶר זִי לֶעבְּט אוֹיךְ • נָאר הַייסְט דָס אַלֶעבְּן • זָאגְט דֶר אִיוַואן הָארְךְ צוּ אִיךְ הָאבּ גְמֵיינְט בִּיז אַהֶער אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אֵיין עֵצָה אַזוֹ דוּ זָאלְסְט אַרוֹם נָאר אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז דוּ טְרַאכְסְט נָאר נִיט אַרוֹם זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ • עַל כֵּן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ אָפּ גְטְרַאכְט פוּן אֵייעֶרְט וֶועגְן אֵיין עֵצָה • נָאר גָאט זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אַז מַיין עֵצָה זָאל מְקוּיָים וֶוערְן • פְרֶעגְט רִ׳

ישראל אדרבא זאג מיר וואס האסטו ביי טראכט זאגט דר איוואן
אזו. איך האב דיר געבראכט איין באנקע ברוינפען. אונ איך
לאז זיא אראפ. מיט איין שטריק. זאל די באנקע ברוינפען
שטיין ביי דיר ביז עס וועט אום קומן די קאליע אויף דעם
לאקאשען אונ אז ער וועט קומן אויף דר סטראזיע וועט ער
דיך פרעגין לעבסטו. (ווארום די פרעג הט גמוזט יעדער נכרי
פרעגן) זאלסטו זאגן יוא. אונ זאלסט אים פרעגן לאקאש וועסטו
געמן אביסעל ברונפען וועט ער דיר זאגן גיב. זאלסטו אים
זאגן איך וועל געבן. נאר באופן דו זאלסט אביסעל טרונקן
אונ מיר אפ געבן דס איבעריקע. אונ ווערלוג ער איז איין
שרעכטר וועט ער זיך צו נעמן די גאנצע באנקע. אונ וועט
טרונקען ביז ער וועט שיכור ווערן אונ איך וועל שטיין אונטר
דעם פארקען פון דעם הויף אבי ער וועט נאר אנשלאפען ווערן
וועל איך קומן מיט איין שטריק אונ וועל איך ארוס נעמן
אונ ביי מיר וועט שטיין איינגישפאנט אפיר מיט דריי פערד
אונ וועל איך אריבר פירן אבי איבר דעם שראדעם גרענעץ.
אונ פון דארטן וועט איר זיך צו פארן ווייטר אבי איר זאלט
בלייבן ביי אייער לעבן וועט איך נאט העלפן צום לעבן:

ויהי כן אונ אזו איז גוועזן. דר איוואן הט אריין גלאזט די
באנקע ברונפן אין גרוב אריין מיט אשטריק. ר׳
ישראל הט זי צו גנומן אונ הט זי אנידר גישטעלט ביז לאקאש
וועט קומן אין עטליכע נאכט ארום איז אן גקומן די טשערע
אויף לאקאשען ער זאל זיין אויף דר איסטראזיע איז ער גקומן
צו גיין. ער בייגט אריין דעם קאפ אונ פרעגט ישראל דו
לעבסט זאגט ער יוא (אונ דר איוואן איז ער שון אום גיגאנגן
אונטר דעם פארקן הערן אונ זעהן וואס דא וועט זיין. אונ אין
דר היים שטייט שון אין שטאל איינגישפאנט איין עגלה מיט
דריי פערד שטארקע). פרעגט דר רענדאר דעם לאקאשען
שלאפט מען שון אין די פאלאצן זאגט ער יוא וואס דארפסטו.
זאגט ר׳ ישראל צו אים ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגן. זאגט
ער זאג. זאגט ער לאקאש טאמר ווילסטו אטרונק ברונפן
זאגט ער גיב. זאגט ער יוא איך וועל דיר געבן די גאנצע
באנקע זאלסטו טרונקן וויפל דו ווילסט אונ דס איבעריגע זאלסטו

מיר צוריק געבן . דר לאקאש הט אראפ גלאזט דעם שטריק ;
אונ ר׳ ישראל הט איהם אן גבונדן די באנקע בראנפן אונ ער
הט זי ארוף גנומען . דר לאקאש טראכט שון ניט אפ צו געבן
דיא באנקע צוריק אונ הט אין זיך אריין גגאסן דעם ברונפן
ביז ער איז אוף דעם ארט אנידר גפאלן אונ איז גבליבן שלאפן
טויט שיכור אונ די באנקע שטייט לעבן איהם . דר איוואן הט
דר זעהן אז ער שלאפט שון אונ תדאפעט גאנץ נט איז ער
גגאנגן צו צום גרוב אונ הט אראפ גלאזט איין שטריק . אונ
זאגט איהם ישראל בונד דיך ארום מיט דעם שטריק אונטר
די הענט אונ איך וועל דיך ארוף נעמען . ר׳ ישראל הט אזו
גטאן ער הט איהם ארוף גצויגן אונ לאזט נאך אמאל אריין דעם
שטריק נעמט די רענדארקע אונ בונד זיך אוף ארום אונ זיי
ביידע ציהען זי ארוס . דר איוואן נעמט זיי ביידע צו זיך אונ
זיי האבן זיך ארוף גזעצט אוף דר ענלה . אונ ער הט זיי אוועק
גפירט עטליכע מייל ביז איבר דעם שררות גרעניץ . אונ הט
זיי געגעבן געלד נאך עטליכע קערבליך . אונ הט זיך מיט זיי
אפ גזעגנט אונ ער איז גקומען ביז טאג אהיים אונ האט ארום
גלאזט די פערד גלייך ווי ער איז גאר גישלאפן פגאנצע נאכט
אין דר היים . דר רענדאר מיט דר רענדארקע מחמת גרוס
פרייד האבן זיי פר געסן אז זיי האבן דארטן אין גרוב איבר
גלאזט איין לעבידיק קינד . גאר זיי האבן שון בעסר ניט גקאנט
מאכן . זיי זענן זיך ווייטר פון דארטן אוועק גפארן אונ אוועג .
אונ מהסתם הט זיי דר השי״ת גהאלפן !

ויהי בבוקר עס איז גקומען אין דר פריא די גברים פון דארף
האבען אן גהויבן צו גיין אויף דר פאנשטשיזנע.
זייא זעהן אז לעבן גרוב ליגט לאקאש שיכור אונ שלאפט
אונ איין האלבע באנקע מיט ברונפן שטייט לעבן איהם .
דיא גברים זענען גגאנגן צום פקיד . אונ יאזוען איהם דיא זאך .
דר פקיד לופט ארום זעהט ער אז ער ליגט האלב טויט . מען
וועקט איהם מען רייבט איהם מען קאן איהם ניט דר וועקן .
דר וויל איז דר שררה אוף גישטאנען . איז גגאנגען דר פקיד
אונ הט דעם שררה גראפאטירט . אז דר סטראז לאקאש ליגט
לעבן דעם גרוב שיכור אין איין האלבע באנקע ברונפען שטייט

# מעשה פלאים

לעבן אים . דר שררה גייט אליין אונ זעהט ווי ער איז טויט שיכור מען רייסט אים אבר מען קאן אים ניט דר וועקן . דר שררה לאזט אים שלאפן ביז ער האט זיך אוס גישלאפן . דר שררה הט גשאפט מען זאל אריין גיין אין גרוב אונ זעהן ווער דארט איז דא . מען האט גזעהן איז מיין ניטא נאר איין קליין יונגעל . מען האט דאס יונגעל ארוס גנומן . דר ווייל איז דר לאקאש אוף גישטאנן . דר שררה האט גשוקט צו נוף רופן אלע לייטישע גברים . אונ האט גהייסן זייא משפטן דעם לאקאשן . דר איוואן זאגט ליבר שררה ווען עס זאל זיין אוף מיין קאד . וואלט איך אים גהייסן דיא הויט אראפ נעמן . היתכן . מארגן וועסטו אים שטעלין צו דיא סאגעזאניס . אונ איינר וועט קומן מיט איין קווארט ברונפען . וועט ער אים אריין לאזן אין מאגיזאן אונ ער זאל זיך צו נעמן אין גאנצן ווס דארטן איז דא . בקיצור מען הט דעם לאקאשען אפ גגעבן זיין משפט . דס יונגילע שטייט . פרעגט דער שררה דיא גראמאדע וואס טוט מען מיט דעם יונגעל . רופט זיך אן איוואן ליבער שררה . אזויא וויא דיא ווייסט אז איך האב ניט קיין קינדר . בעט איך דיך שענק מיר אים אוועק אונ איך וועל אים אוס האוועך וועט ער זיין מיין זון . אונ איך וועל קאנן מיט אים אפ קומען איין פיינטשיזנע . אונ ער וועט זיין ביי מיר דר גאנצר בעל הבית . דעם שררה איז זייער געפעלן . אונ האט אים אפ גגעבן צו דעם איוואן . ער איז גוועזן ביי אים איין צייט . ער הט ביי אים גפאשעט פריר קליין נוארג דר נאך הט ער שון אן גהויבן צוא פאשען די אקסען :

ויהי ליום . עס איז גקומן אין איין צייט ארום : דס יונגעל פאשעט די אקסען . אונ האט זיך גראפט צו קרונגען מיט איין אנדר בן נכרי האט יענר אים אוס גווארפן אונ זאגט אים דו ביסט איין יוד (זיד) דס יונגעל קומט אהיים . אונ זעצט זיך אנידר אין דרוסען אונ וויינט . דיא מאמע דיא נכרית רופט אים אריין אונ זאגט זינא קום עסען ער וויל ניט גיין . בקיצור דר פאטר איוואן איז גקומן אהיים פרעגט

ער אים וואס ווינסטו. זאגט ער. דער אונ דר נכרי האט אים גזאגט אז ער איז איין יוד דר איוואן זאגט אים הער נית וואס ער זאגט, דוא ביסט מיין קינד אונ איך בין דיין טאטע. אונ דס איז דיין מאמע. ער איז גגאנגן עסן. אין אצייט ארום צו קריגט ער זיך ווייטר מיט איין פאסטך. ווארפט ער אים אוך אום דוא ביסט איין יוד איין סימן דוא ביסט גימלת. דס יונגער קוקט זיך צו זעהט ער אז ער איז טאקע גימלת. איז ער גקומן אהיים. אונ האט זיך גוט צו ווינט נית אנדערש זאגט מיר פאר וואס ביי קיין שום נכרי איז נית אזו ווי ביי מיר. אסך צו ריידן פאסט נית. דר איוואן האט דר זעהן אז עס ציהט אים צו זיין שורש. זאגט דר איוואן צו אים. שא מיין קינד איך וועל דיר זאגן דעם אמת. נאר זאלסט קיינם נית דר ציילן. אמת דוא ביסט איוד. אונ קומסט ארום פון יודען. נאר וואס מיט דיר איז דיא מעשה קאן איך דיר נית דר ציילן מחמת דוא ביסט ביי מיר. נאר איך וועל שון זעהן ביי טראכטן אז דו זאלסט זיין איין יוד. אזו ווי דיין טאטע מאמע. אונ איז ארובער גגאנגן צום שררה אונ זאגט אים אזו. ליבר שררה איך האב צו גנומן דאס יונגעל. איך האב גמיינט אז איך וועל פון אים האבן איין פאמאטש. נאר ווי איך זעה איז אמת וואס לייט זאגן. חאדאווע אוואלף אונ ער קוקט אין וואלד אריין. אזו איז דס מען הט אים גזאגט אז ער איז איוד ליגט אים שון דס אין קאפ. על כן געם דיר אים צו אונ ער זאל זיין בייא דיר איין לייב דינער ער זאל דיר פוצן דיא שטיוויל אוך דיינע מלבושים אונ ער וועט תמיד זיין לעבן דיר וועט ער זיך נית קרוגן מיט קיינעם. אין איטליכר וועט מורא האבן אים צו זאגן יוד. ביז ער וועט פר געסן וום מען הט אים גזאגט יוד. דעם שררה איז דס געפעלן וום איוואן הט אים גזאגט אונ הט צו גנומן ביי אים דס יונגעל אונ הט אים גהייסן מאכן לאבעריע אונ ער איז גוואקסן ביי אים זיינם אליינ קנעכט. אונ ער הט אים אפ געגעבן זיין עובדא צו פוצן די שטיוועל אוך אלע מלבושים אלע נאכט אז אין דר פריא זאלן זיי שיין זיין גפוצט. בשעת אז דס יונגעל דם קנעכטיל איז אוועק גגאנגן פון איוואנן.

הט ער אים נאך אן גזאגט . דו זיי אין הוף ביז איך וועל דיר הייסן קומן צו גיין וועט זיין רעכט . דם קנעכטיל איז אוועק גוועזן אין הוף איין ערך איין האלב יאר . דר איוואן זאגט צו אים הייגט אין דר נאכט זאלסטו דעם שררה אויס פוצען אלע זאכן . אונ אז ער וועט זיך שון לייגען שלאפן זאלסטו קומן צו מיר , וועט שון רעכט זיין :

כך הוה אזו איז געווען . עס איז גקומען דיא נאכט דאס יונגעל דער לייב קנעכט האט דעם שררה אוס גטאן דיא שטיוויל אוך אלע מלבושים . אונ דער שררה האט זיך גלייגט שלאפן ער הט גנומן אלע זיינע זאכן אונ הט איבר גפוצט אונ הט זיי אנידר גלייגט אוף זיין טישל ווס לעבן זיין בעט איז גישטאנן . אונ ארום האלבע נאכט איז ער אוועק גגאנגן צו איוואנן . ביי דעם איוואן איז שון גוועזן גישפאנט די פיר גרייטע פון תחלת הלילה ווי דם יונגילע איז גקומן צו גיין . הט ער אים ארוף גחאפט אוף דעם וואגן , אונ איז מיט אים אוועק אוך איבר דר גרעניץ אונ ער חט אים דר ציילט אז ער הט זיין פאטר אונ מוטר אוך ארוס גיגנבת פון דעם גרוב אונ הט זיי דעם גרעניץ אריבר גפורט . אז ער הט אים דעם גרעניץ אריבר גפורט . הט ער אים צו גפורט צו איין שטעטיל . אונ זאגט אים אהן אז דו זאלסט אריין גיין צוא איין יודען . אונ זאלסט אים זאגן אז דו ביסט איוד אפימן איך בין גימכת . אונ נאדיר צווייא קערבליך מען זאל דיר קופען יודעשע קליידר אונ מען זאל דיך אוועק שיקן וויטר . בקיצור מען הט אים גשיקט פון שטאט צו שטאט ביז ער איז אן גקומן קיין זאסלב . צו הרב הצדיק יחיאל מיכל זללה"ה . דער צדיק הט דם יונגעל דר זעהן . איז ער אים זייער גפעלין . אונ הט אים אפ גגעבן צו איין מלמד . דר מלמד הט אנגהובן מיט אים צו לערנן . ער הט גלערינט ערך דריי יאר ער איז גוואָרן איין למדן ווס די שטאט הט מיט אים גיקלינגען . דם יונגעל איז חשוב גוועזן ביי דעם רבי ר' מיכל ז"ל אז ווי דם שווארצע אפעל פון אוג אונ ער הט פון זיינט וועגן צו גיקליבען מלמדים חריפים ובקיאים . עס הט אים גקאסט אסך די מלמדים . ער איז אלט גוואָרן דרייצעהן יאר ער [illegible]

עָן וֶוערן בַּר מִצְוָה . דֶענְצְמָאל אִיז עֶר שׁוֹן קְלָאר גֶוֶועןְ אִין שַׁ״ס בַּבְלִי . יְרוּשַׁלְמִי . סִפְרָא סִפְרִי . תּוֹסֶפְתָּא . מְכִילְתָּא . דֶר רַבִּי הַקָדוֹשׁ הָט גְמַאכְט אֵיין גְרוֹסֶע סְעוּדָה . אוּנ דָס יוּנְגְל הָט גְזָאגְט אַחִילוּק עָס הָט גִבְּרָאכְן מוֹחוֹת . עֶר הָאט אָבֶּר נָאךְ גִדַארְפְט לֶערְנֶען אַזוֹ אַלֶערְנֶעכְץ וָוס עֶר מוּז הָאבְּן אֵיין רַבִּי . הָט אִים דֶר הֵיילִיגֶער צַדִיק גְשִׁיקְט קֵיין בְּרָאד . אוּנ מֶען הָט גִבְּרַאכְט אֵיין מְלַמֵד אֵיין גְרוֹסְן תַּרִיף . אוּנ הָט מִיט אִים נָאךְ גִלֶערִינְט אֵיין יָאר . אַז עֶר אִיז אַלְט גְוָוארְן פוּפְצֶעהְן יָאר הָט דֶר הֵיילִיגֶער צַדִיק אָן גְהוֹבְּן אַלֵיין מִיט אִים צוּ לֶערְנֶען (חָכְמַת אֱמֶת) דָאס הֵייסְט קַבָּלָה סְפָרִים וַוייל זַיין מוֹחַ אִיז גֶוֶועןְ זֶעהְר גְרוֹס . הָט עֶר דִי חָכְמַת מַשִּׂיג גֶוֶועןְ וִוי אֵיינֶער פוּן דִי אַלְטֶע מְקוּבָּלִים . הָט דֶר צַדִיק מִיט אִים עוֹסֵק גֶוֶועןְ צְוֵוייא יָאר אִין קַבָּלָה . אַז עֶר אִיז שׁוֹן אַלְט גְוָוארֶן זִיבְּצֶעהְן יָאר . הָט אִים דֶר רֶבִּי אַרַיין גְרוּפְן אוּנ זָאגְט אַזוֹ . דוּ בִּיסְט שׁוֹן זִיבְּצֶעהְן יָאר אוּנ דִיא מִשְׁנָה זָאגְט . בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה . אֵיין גָאוֹן בִּיסְטוּ אִין נִגְלָה אוֹיךְ אִין נִסְתָּר . נָאר אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט אַצְייט יָארֶן גְגֶעסְן טְרֵיפוֹת . ע״כ דַארְפְסְטוּ דָס יָאר פְּרַאוִוין גָלוּת . דוּ זָאלְסְט גֵיין אַגַאנְץ יָאר . וִוי דוּ וֶועסְט טָאגְן . זָאלְסְטוּ נִיט נֶעכְטִיגְן . אוּנ וִוי דוּ וֶועסְט נֶעכְטִיגְן זָאלְסְטוּ נִיט טָאגְן . דֶעם בָּחוּר הָט זִיךְ בְּוַדַאי נִיט גְגְלוּסְט אַוֶועק פוּן דֶעם צַדִיק . אוּנ וִוידֶר עֶר וַוייסְט גָאר נִיט וִוי צוּ גֵיין . עֶר אִיז קֵיין מָאל נִיט גְפָארְן . אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן גֵיין צוּ פוּס . נָאר וָוס זָאל עֶר טָאן אַז דֶר רֶבִּי הֵייסְט אַזוֹ . אוֹיף אֵיין טָאג הָט דֶר רַבִּי גְמַאכְט אֵיין סְעוּדָה . אוּנ הָאט צוּ נוֹיף גְרוּפְן אַלֶע פָאר נֶעמְסְטֶע מֶענְשְׁן . אוּנ דֶר בָּחוּר הָט גְזָאגְט תּוֹרָה אוּנ נִגְלָה אוּנ נִסְתָּר . דֶר צַדִיק הָט זִיךְ מְחַיֶה גֶוֶועןְ אַז עֶר הָט מַעֲמִיד גֶוֶועןְ פוּן אַזוֹ אַיוּנְגֶל אַבֵּנִי שְׁלֵמָה . דֶר בָּחוּר הָאט זִיךְ מִיט אַלֶע אָפּ גְזֶעגִינְט . אוּנ דֶר רֶבִּי הָט אִים אוֹם גְקְלֵייד אוּנ הָט אִים גְמַאכְט כְּלֵי גוֹלֶה . אוּנ הָט זִיךְ אָנְגְהוֹבְּן מִיט אִים גְזֶעגִינֶען . אוּנ זָאגְט אִים אָן . אַז עֶר וֶועט אַרוֹס גֵיין פוּן שְׁטָאט זָאל עֶר גֵיין קֵיין מִזְרַח זַייט דָס גַאנְצֶע יָאר וָוס עֶר וֶועט גֵיין זָאל עֶר אַלְץ גֵיין קֵיין מִזְרַח זַייט אוּנ וִוי עֶר וֶועט טָאגְן זָאל עֶר נִיט נֶעכְטִיגְן . דֶעם גַאנְצְן וֶועג פוּן אַגַאנְץ יָאר . זָאל עֶר נִיט וַוייזְן זִיךְ אַז עֶר קָאן עֶפִּיס לֶערְנֶען . נָאר דָס זָאלְסְטוּ הָאבְּן

דֶעם סִימָן אַז עֶס אִיז אוּם גִגַאנְגֶען שׁוֹן דָם יָאר . אַז דוּ וֶועסְט
קוּמֶן אִין אֵיין אוֹרְט אַרַיין אוּנ מֶען וֶועט דִיךְ בֶּעטֶן אַז דוּא
זָאלְסְט דָארְטֶן בְּלַייבֶּן . אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט מֶען דִיר דָארְטֶן וֶוערִין
גֶעבְּן אַוַוייבּ . זָאלְסְטוּ צוּ שְׁטֵיין אוּנ דָארְטֶן בְּלַייבֶּן . אוּנ הָט
אָן גִשְׁרִיבֶּן אֵיין קְווִיטִיל . אוּנ הָט אִים אַרַיין גְלֵייגְט אִין כַּנְפָה
פוּן דִי צִיצִית אוּנ הָט אִים אַלֵיין פַר נֵייט . אוּנ הָט אִים אָן
גְזָאגְט . אַז דָארְטֶן וְוִי דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבֶּן זָאלְסְטוּ קוֹדֶם
הַחוּפָּה נֶעמֶן יֶענֶעם רַב . אוּנ דִיא אוּנְטֶער פִירֶערְס . אוּנ זָאלֶן
אוֹיף טְרֶעגֶן דִי כַּנְפָה אוּנ אִיבֶּר לֵייעֶנֶן דָם קְווִיטֶל . אוּנ גֶעזֶעגִינְט
זִיךְ שׁוֹן מִיט אִים אָפּ . אוּנ דֶר הֵיילִיגֶר צַדִיק הָאט אִים מִיט
מֶענְשֶׁן אַרוּם בַּלַייט בִּיז אִין דֶר בְּרָאם אוּנ הָט אִים גִבֶּענְשְׁט .
אוּנ עֶר אִיז אַוֶועק גִגַאנְגֶען זַיין וֶועג . אוּנ דֶר צַדִיק מִיט דִי מֶענְשֶׁן
הָאבֶּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אִין שְׁטָאט אַרַיין . דֶר בָּחוּר אִיז גִגַאנְגֶען אִיבֶּר
דֶעם וֶועג . אוּנ הָאט זַייעֶר גוּט גֶעוַויינְט אוּנ פְלֶעגְט אַלֶע טָאג
זָאגֶן עַל חֵטְא ווַייל עֶר אִיז אַצַייט גִוֶועֶן צְווִישֶׁן נָכְרִים אוּנ הָט
גֶגֶעסֶן טְרֵיפוֹת . עֶר אִיז אַזוֹי גְגַאנְגֶען וְוִי דֶר צַדִיק הָט אִים אָן
גְזָאגְט . אוּנ וְוִיא עֶר הָט גְזָאגְט הָאט עֶר נִיט גְנֶעכְטִיגְט . דֶעם
גַאנְצֶען וֶועג הָט עֶר זִיךְ נִיט גִוַויזֶן אַז עֶר קָאן עֶפִּיס רֶעדְן נָאר וְוִי
אֵיין פְּרָאסְטֶער מֶענְשׁ . אוּנ אַזוֹי אִיז עֶר גִגַאנְגֶען אֵיין גַאנְץ יָאר :
וַיְהִי לִשְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה שָׁנָה אַז עֶס אִיז גְקוּמֶן דִי צַייט אַז עֶר
הָט גַדַארְפְט וֶוערִין שׁוֹן אַכְצֶעהֶן יָאר . אִין דִי צַייט אִיז
גִוֶועֶן אוּם ווִינְטֶער אִיז עֶר אָן גְקוּמֶן אִין אֵיין דָארְף אוֹיף דֶר
נאכְט וָואס דָארְטֶן אִיז גְזֶעסֶן אֵיין רֶענְדַאר אַרַייכֶר אוּנ אֵיין
עֶרְלִיכֶר יוּד . אוּנ הָט גְהַאט שֵׁיינֶע קִינְדֶר וֶועלְכֶע זַיי הָאבֶּן גְקָאנְט
לֶערְנֶען אוּנ זֶענֶן גְזֶעסֶן אוּנ הָאבֶּן גְלֶערִינְט טָאג אוּנ נַאכְט . דֶר
בָּחוּר אִיז אַרַיין גְקוּמֶן אִין דֶר קְרֶעטְשְׁמֶע גֶעבֶּעךְ זֶעהְר פַר פְרוֹרֶן .
עֶס אִיז אָבֶּר גִוֶועֶן אַפוּלֶע קְרֶעטְשְׁמֶע מִיט נָכְרִים זָאגְט דֶר
רֶענְדַאר יוּנְגֶר מַאן גֶעה זַיי מוֹחֵל אוֹיף דֶעם אוּנְטֶרְשְׁטֶען טוּיאַר
אִיז דָארְטֶן דָא אֵיין שְׁטוּבֶּל דָארְטֶן זִיצֶן מַיינֶע קִינְדֶר אוּנ לֶערְנֶען .
אוּנ דָארְטֶן אִיז גַאנְץ וַוארֶם נֶועסְטוּ זִיךְ דָארְטֶן אָפּ רוּעֶן אוּנ
גוּט אוּם וַוארֶעמֶן . דֶר בָּחוּר אִיז גְגַאנְגֶען אִין שְׁטִיבֶּל אַרַיין עֶר
קוּמְט אַרַיין זֶעהְט עֶר אַז עֶס אִיז זֶעהְר שֵׁיין אוּנ וַוארֶעם .
אַשַׁאפֶע מִיט סְפָרִים שְׁטֵייט . אוּנ צְוַויי יוּנְגֶע לֵייט זִיצֶן אוּנ

# מעשה פלאים

לערנן זעהר גשמאק זיי האבן גאר ניט איין גזעהן ווי ער איז
אריין גגאנגן . ער הט זיך גזעצט לעבן דעם רבי . ער האט
זיך גאר מחיה גוועזן . אונ ווייל ער איז גוועזן זעהר מיד הט
ער זיך אויף דר באנק צו גלייגט . ווי ער ליגט אזו הערט ער
ווי זיי זענן זיך מפלפל אין אשטיקל גמרא . אבר זיי קאנן
ביידע ניט . הט ער זיך שון ניט גקאנט איין האלטן . אונ
זאגט אזוי גוואלד וואס רעט איר . איר זענט ארויס גקראכן פון
דעם אמתן פשט . דריבר קאנט איר ניט . זיי האבן דר הערט
איז ביי זיי אין הארצן גוועזן איין גלעכטר אפוס גייער זאגט אז
זיי קאנן ניט . זיי גיבן אים שלום . אונ זאגן אים אדרבא זאג
דו דעם פשט . ער הט זיי גזאגט האבן זיי מודה גוועזן אז דר
אמת איז אזו . עס איז גקומן דיא צייט פון וועטשירע איז
אריין גקומן דר משרת רופן זיי עסן . האבן זיי דעם בחור אויך
גרופן עסן מען האט אים מכבד גוועזן מיט אטרונק בראנפן .
די יונגע לייט האבן זיך מיישב גוועזן אונ זאגן דעם פאטר אזו
ווי דר בחור איז נעביך אפ גריסן אונ עס איז היינט ווינטר .
מאמר וואלט מען אים איין גבעטן אז ער זאל לערנן מיט
אונזר קליין ברודרל . דארף ער לערנן אין שטאט אונ זאל
נעבך לעבן אין דחקות ביי דעם מלמד . זאג אים צו עטליכע
קערבליך . אונ אז ער וועט לערנן מיט אים צוויי שעה אין
טאג איז בעסר וויא דר מלמד וועט מיט אים לערנן אגאנצן
טאג . דעם פאטר איז דיא זאך זעהר גפעלן . ער בעט דעם
בחור אונ רעט אים איין . בארפסטו זיך שלעפן אויף דר וועלט
אונ אום ווינטר . בלייב ביי מיר וועסטו לערנן מיט מיין קינד .
אונ איך וועל דיר עטליך בצאלן . דר בחור הט זיך דר מאנט
אז דר רבי האט אים גזאגט דארטן וויא מען וועט אים בעטן
זאל ער בלייבן . דרום איז ער מרוצה גווארן ער זאל לערנן
מיט דעם קליינם יונגל . דר פאטר איז אין דר פריא אין שטאט
ארין אונ הט דעם מלמד גשענקט עפיס אונ הט דם יונגל אפ
גנומן אהיים אונ ער הט מיט אים אנגהובן צו לערנן . די יונגע
לייט האבן דר הערט ווי אזו ער לערינט מיט דעם יונגל . האבן
זייא גקוואלן . אויף דר אנדרע נאכט זיצט דר בחור בייא דעם
אובן אונ וואריטם זיך . אונ דיא יונגע לייט האבן זיך גזעצט

לערנן פוסק. יורה דעה אדר ש"ך. אונ ער הערט אופן ווייניג ווי זיי לערנן. זייא זענן גקומן אויף איין אורט אונ האבן זיך פר האקט אויף מחמת זיי האבן שלעכט געגערינט דעם פשט איז זיי קשה גוואורן קשיות (זה אומר בכה וזה אומר בכה) דר זאגט אזו אונ דר ענפרט אזו אונ עס איז פארט ניט גוט. אינ ער הערט אלץ. ער קאן ניט אום ליידן. אונ זאגט צוא זיי אוי בראנזעט איר אבר גאר מיאוס. דר פשט איז אזו אונ אזו. די האבן דר הערט וואס ער זאגט זיי. האבן זייא אים גבעטן אדרבא זאג דיא וויא אזו איז דער פשט. ער איז אפילו ניט צוא גגאנגען צום טיש. אונ האט זייא אויסוויינינג גזאגט. זייא האבען דער הערט. אז ער איז אין פוסק אויך קלאר. האבן זייא אים צוא דער וועטשירע נאך שענער מכבד גוועזן ווארום זייא האבן פאר שטאנען אז ער קאן אסך בעסר לערנן פון זיי. אונ זיי ווייסן נאך גאר ניט ווס לערנן בטייט. זיי זאגן דעם פאטר שטיקרהייט דו זאלסט וויסן אז ער קאן אסך בעסר לערנן פון אונז. ער איז קלאר אין פוסק אויסוויינינג. לכן זאלסטו ביי דר וועטשירע מיט אים ריידן אז ער זאל מיט אונז לערנן בתורת חבר אונ דר פר וועסטו אים געבן דרייסיג קערבליך. אונ אונזער קליין ברודעריל וועסטו אפ פירען אין שטאט אריין. אזו איז גוועזן דר רונדאר הט ביי דר וועטשירע אן גהובן צו ריידן מיט דעם בחור. אונ זאגט אז גאט הט מיר צו גשיקט אזו איונגען מאן ווס קאן מיט מיינע קינדר לערנן בתורת חבר. איז פר דיר אויך גלייכר דו זאלסט בלייבן ביי מיר. דו וועסט בלייבן ביי לערנן. אונ מיינע קינדר וועט אויך זיין אטובה. אונ דר פר גיב איך דיר דרייסיג קערבליך ביז אין דעם סוף זמן. אונ עסן אונ טרונקן אויף דעם שענסטן אופן מיט איין שיינע קאפאטע אז עס זאל זיין שיין פר מיר מיט מיינע קינדר. דר בחור הערט דס. ער איז מרוצה גוואורן דר צו אויך. מען הט אים תיכף אן גטאן שיינע קליידר. אונ זיי לערנן שון אין איינם בתורת חבר. אונ דס קליינע יונגעל הט דר פאטר אפ גפירט אין שטאט אריין צו דעם אייגענעם מלמד. אז דר בחור הט אן גהובן מיט זיי צו לערנן האבן זיי קלאר ארום גזעהן

אז ביז אהער האבן זיי גאר ניט גוויסט וואס לערנן איז. ער האט זייא אויף געפינט דיא אויגען מיט דעם שכל. זייא געהן צום פאטער אונ דאנקן דעם פאטער פר וואס ער האט זיי געגעבן אזו אחבר. זיי האבן אפ גלערינט די גאנצע וואך. עס איז געקומען פרייטאג נאך האלבן טאג. זענען די יונגע לייט געפארן אין מרחץ אין שטאט אריין זיי האבן דעם בחור אויך געבעטן ער זאל מיט זיי פארן אבער ער האט ניט גוואלט. אויף דעם אנדערן פרייטאג זענען זייא אויך געפארן אין שטאט אריין פרעגט ער די יונגע לייט איער רב פון שטאט קאן עפיס לערנן. זאגן זיי מסתמא אז ער איז איין רב קאן ער בוודאי לערנין. זאגט ער איך וועל מאכן איין פרוב. אונ האט גנומען דעם יורה דעה אונ האט מיט זיי גלערינט די זאך. אונ האט גוויזען איין סתירה דס הייסט איין דר ווידר פון איין שטיקעל ש"ך אויף דעם אנדערן. אונ דס זאלט איר וויזען דעם רב. גאר ער וועט אייך בוודאי ענפערן אזוי אתירוץ. זאלט איר אים אזו אפ פרעגן. וועט ער אייך אזו ענפערן זאלט איר אים אזו אפ פרעגן. אונ אז ער וועט שון קיין אנדערן תירוץ ניט האבן. זאלט איר אים זאגן דעם תירוץ אזו. אונ האט זיי גוט קלאר גמאכט אז זיי זאלן ניט בלייבן אין מיטן שטיין:

**ויסעו מכפר לעיר** אזו איז גוועזן זיי זענן אוועק געפארן אין שטאט אריין אין מרחץ אונ זענן אריין גיגאנגן צום רב דר רב האט דר זעהן די יונגע לייט האט ער זיי גאנץ שיין צו גנומן. איינם מחמת זייער פאטער איז אגרויסר נגיד. צווייטענס זיי זענן אליין שיינע יונגע לייט. ובפרט זיי זיצען אונ לערנן (יומם ולילה) טאג אונ נאכט. דר רב האט זיי מכבד גוועזן מיט משקה אונ פר בייסן. דר נאך זאגן די יונגע לייט צום רב. רבי מיר האבן אייך עטוואס צו פרעגן אין יורה דעה זאגט ער פרעגט קינדערליך. זיי האבן אים גוויזן אונ האבן אים גפרעגט די (סתירה) דעם ווידר אנאנדר. ער האט טעיין גוועזן אין דר זאך אונ ענפערט זיי אתירוץ אזו ווי דר בחור האט אין דר היים גזאגט. האבן זיי אים אפ גפרעגט. האט ער זיך גמוטשעט. אונ האט אנדרש פר ענפערט האבן זיי אים ווייטער אפ גפרעגט. ער האט שון קיין אנדערש

תירוץ ניט גהאט. זאגט דר רבי אפשר האט איר עפיס איין תירוץ. זאגן זיי אונז דאכט זיך אז אזוי איז דר פשט אונ האבן אים גזאגט. דר רב האט דר הערט דעם תירוץ. זאגט ער זיי קינדערליך איך קאן אייך גאנץ גוט. איך פר שטייא אז די קשיא איז ניט אייער. אונ דר תירוץ איז בוודאי ניט אייער לבן בעט איך אייך איר זאלט מיר זאגן וועמעס שכל איז דרויגן אזוי צו פרעגן אונ אזוי צו פר ענפערן אונ ווער איז דר מענטש. זיי האבן אים ניט געוואלט זאגן מחמת זיי האבן פר אים מורא גהאט טאמער וועט ער זיך בייזערן. דר רב האט אוף זיי גוזר גוועזן בגזירת הרב זיי האבן אים גמוזט זאגן. האבן זיי אים דר ציילט אז עס איז צו זיי גקומן איין ארומער בחור. אונ זיי האבן אין אים דר שמעקט אז ער קאן גוט לערנן האבן זיי אים פר האלטען ביי זיך אז ער זאל לערנן מיט זיי בתורת חבר. האט ער אונז אום גלערינט ווי אזוי צו פרעגן. אונ וואס צו ענפערין אונ ווי אזוי דר אמתר פשט איז. אז דר רב האט דאס דר הערט האט ער זיי גבעטן אז איבר אכט טאג פרייטאג זאלן זיי אים ברענגן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אים איבר ריידן אין תרומות ומעשרות וועלכם עס איז אים קשה אונ ער האט ניט מיט קיינעם די זאך איבר צו ריידן. אונ ווערלוג ער פר שטייט איז ער איין שטארקר חריף ובקי. וועט ער מיט אים די זאך ריידן. די יונגע לייט האבן אים צו גזאגט אז זיי זאלן אים ברענגן אין שטאט אריין. די יונגע לייט זענן גקומן אהיים פון כרחץ. זיי האבן אים דר ציילט אז ער האט אקאראט גענפערט אזוי ווי ער האט גזאגט. אונ דר נאך האבן זיי אים גזאגט זייער תירוץ איז אים זייער גפעלן. אונ ער האט אוף אונז גוזר גוועזן בגזירת הרב אז מיר זאלן אים זאגן (מי הוא זה ואי זה הוא) ווער איז דר מענטש וואס האט אזוי אמות אזוי צו פרעגן אונ אזוי צו ענפערן. האבן מיר גמוזט זאגן. האט ער גבעטן אז איר זאלט אנדערש ניט. טאן נאר איר זאלט פרייטיג קומן מיט אונז צו פארן אין שטאט אריין. ער וויל מיט אייך איבר ריידן אין לערנן וועלכם ער קאן מיט אנאנדערן דיא הקבלתא ניט ריידן. ענפערט דר בחור איך וועל אים צו ליב

טאן אונ וועל אי"ה פריטיג פארן . עס איז גקומן פרייטאג זאגן די יונגע לייט צום פאטר אזו ווי דר רב הט גבעטן אז מיר זאלן ברענגן דעם בחור צו אים . אונ דר ציילן אים אז דס וואס ער הט גיפרעגט הט דר רב ניט גוויסט . על כן ווילן מיר אוך פארן מיט אים לאמר הערן וואס דארטן וועט זיין . לכן זאלסטו אונז הייסן איין שפאנן די גרויסע נאטשאנקע מיט דריי פערד אזו ווי אונז שטייט אן . דר רעגנדאר הט באפֿעל גשאפט מען זאל שפאנען די נאטשאנקע מיט דריי פערד אונ זענן אוועק גפארן . זיי זענן גקומן אין שטאט אריין זענן זיי פר פארן גלייך צום רב . דר רב גיט אים שלום אונ רעט מיט אים זיינע שאלות וואס ער הט גהאט צו ריידן . דר פר ענטפערט אים יעדער זאך אונ ווייזט אים אוס פון ספרים אז דר אמת איז אזו :

**וישב הרב כמשתומם** דר רב איז גיבליבן זיצן . ער וואנדערט זיך ווי הט זיך גנומן צו אמענטש אזא טוח . אונ אזא קלארן שכל דער וויל גייט דר בחור צו צו דר שאפע פון ספרים אונ דר זעהט קבלה ספרים . פרעגט ער דעם רב . איר הט עפים איין ידיעה אין קבלה ספרים זאגט ער אביסל . ער טוט אים אין דעם ספר וואס ער הט ארוס גנומען פון דר שאפע אפרעג אזאך ער זאגט אבר ניט אמת . האט דר בחור אים גזאגט הט ער גוויסט אין דעם לערנן פון קבלה אזו ווי אגרוסר מקובל דר רב קוקט אים אן . ווי האט זיך גנומן צו איין מענטשן אזא קאפ אין נגלה אוך אין נסתר . די יונגע לייט זיצן אונ הערן וויא דר בחור איספראוועט זיך סייא אין נגלה סייא אין נסתר . (בין כך ובין כך) ווי זיי ריידן אזו . איז דר רב ארוס גגאנגן פון דר סאלע אין איין קאמנאט אריין אונ הט זיך ניט פיל גזאמט אונ איז אריין גקומן . דר רב אליין איז אוך גוועזן איין גביר . אונ הט מיין ניט גהאט נאר איין בת יחידה . אונ זי איז גוועזן איין שיינער פארשון . אונ אגילערענטע . ווי זיי זיצן קומט אריין צו גיין די בת יחידה אוס גצירט מיט אלע תכשיטים אונ טראגט אריין משקה מיט פר בייסן . די יונגע לייט איז קשה גווארן .

# מעשה פלאים

ווי קומט דס אז א בתולה זאל זיך אום ציהן איידר מען פר רוקט צאלענט . זיי האבן צו גישוויגן . אונ זענן אהיים גפארן . דיא יונגע לייט דר ציילן דעם פאטר דיא גאנצע מעשה ווי אזו ער איז איין גאון אין נגלה אוך אין נסתר . אונ זאגן דעם פאטר אונז גפעלט אז דס וס די בתולה דעם רבם הט זיך אזו פרי אום גצירט . איז ניט אנדערש דר רב וויל אים בוודאי נעמן פר איין איידעם . על כן איז אונזער דעה . אזו וויא מיר האבן איין שוועסטר אין דיא אייגינע יארען וואס דעם רבם בתולה , אין דיא קאנסט אים געבן גדן אזו ווי דר רב . על כן זאל מען שבתות צו נאכט מיט אים ריידן . אונ מען זאל דס שוועסטירל אוך שיין אום ציהן . אונ מען זאל זעהן מיט אים שרייבן תנאים . אונ דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . כדי דר רב זאל גאר ניט וויסן . אונ עס זאל ווערן פרוצלינג אהתונה . דר פאטר הט דס דר הערט . זאגט ער איר זענט גרעכט דר רב מיינט בוודאי דס דאזיגע . ער וויל אים פאר איין איידעם . אונ מען דארף דס מאכן כדי ער זאל זיין אייער שוואגער . ווען איר אין איינם זיצן אין לערנן וועט דס זיין ביי מיר זייער טייער אז איר וועט אלע קאנן לערנן . דר שבת איז גוועזן ביי זיי גרעכענט איין יאר . דר שבת גייט אוועק מען הט גמאכט איין קאווע אונ מען האט זיך גזעצט אלע טרונקען . אונ דס שוועסטירעל הט מען גאנץ שיין אום גיסטרויעט . זאגט דר פאטר האריך נאר צו מיין קינד ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן . איך וויל אז דו זאלסט זיין מיין איידעם . אין דיא קינדר איין שוואגער כדי איר זאלט זיצן אין איינם אין לערנין . אונ גדן אונ מלבושים איז קיין מניעה ניט וויפיל דו וועסט זאגן גיב איך דיר . אונ זעה די בתולה אז זיא איז איין יפיפיה . אונ וועסט דיר זיין שון אויף איין ארט . אונ וועסט פר שפארן שון אנדערע זאכן צו טראכטן . דער בחור דר מאנט זיך אין דעם רעבם ווארט . אז דארטן ווי מען וועט אים בעטן פר איין איידם זאל ער וועלן . ענפערט דר בחור (אם מה' יצא הדבר יוגמר בדבר טוב) מן סתם דויסט גאט אז לאז זיין מיט מזל טוב .

זיי האבן גגעבן זיך דיא הענט אונ מען הט גיבראכן וויים גפעס אונ גשריבן תנאים . אונ מענטשן וואס זענען גוועזן נאך אין דארף האבן זיך גתתמנת אונ אויף דעם אנדערן שבת זאל זיין פאר שפיל . קאן מען אליין פר שטיין וואס איין שמחה עס איז גווארן אויף דר גאנצער פאמעליע . זונטאג אין דר פריא דר רענדאר איז גפארן גיט אין דר שטאט ווי דר רב איז נאר אין איין אנדער שטאט אונ האט אן גנומען אין קלייט אלדעם גוטץ וועגן דר כלה אוך וועגן דעם חתן . אונ מען הט אן גישרובען שניידערס . שוסטערס . סארווערס . אונ כל הזאכן וואס מען דארף צו איין חתונה . אונ מען הט גיטרעביוועס אלדונג . בכדי אז עס זאל זיין אויף שבת גרייט . פרייטיג ביי טאג שיקט דר רענדאר צווישן זיינע רענדארס . אונ מען האט גיבראכט מיידלך צו דר כלה אויף דעם פאר שפיל . אונ אין דר שטאט ווי דר רב איז גוועזן ווייסט מען קיין שום זאך גיט וואס דא טוט זיך . שבת איז גוועזן דאס אויף רופן . אונ דר פאר שפיל מיט גרוס אויף צוג . אונ מיט פיל פרייד . דינסטיג שיקט דר אירענדאר אריין פירען נאך דעם רב אונ דיינים אונ נאך אלע (יקירא קרתא) פאר נעסטע מענטשן . זיי זאלן קומען אויף דעם חתן מאל . דר רב הט דר הערט אז דר בחור איז גיבליבן ביי דעם רענדאר פר איין איידעם . הט ער מיט דר רעביצען מיט דר בת יחידה אן גהובן צו חלושען אז מען הט זייא קאם דר מינטערט . נא זיי . האבן גזעהן אז די יונגע לייט האבן זיי דס אפ גטאן . דר ווייל איז ער דאך איין רב . ער הט מיט גנומען דס וויב מיט דר בת יחידה . אונ זענין גפארן אין דארף אריין . ווי דר רב איז גקומן זאגט ער צום רונדאר . גלובט מיר אז איר זאלט ביי מיר צו נעמן מיין גאנץ רייכקייט . וואלט איך אייך אזא שונא ניט גוועזן ווי דר פר וואס איר האט ביי מיר צו גנומן דעם חתן . דר רענדאר שווייגט . אבער אין הארץ איז אים גרוס פרייד . אז ער הט אזא כלי דר טאפט . אונ דר רב איז אויף זיך אליין ברוגז פר וואס הט ער דעם שכל ניט גטאן . אז ער זאל אים גוועזן בעטן אויף שבת צו זיך וואלט ער זיך גוועזן גשריבן מיט אים תנאים .

גאר עס איז שוין פר פאלן . על כל פנים מען האט אהן גהויבן צו פראוועון דעם חתן מאל . זעצט זיך אנידר דר רב אין דיא דיינים . דר חתן הייבט אן זאגן איין דרשה . אז עס האט גיבראכן מוחות . די דיינים זענען גיבליבן פר דולט . זיי האבן שון ניט גוויסט וואס ער זאגט . גאר דר רב האט גיהאלטן מות . ער האט אזויא אוועק גזאגט איין ערך אפאר שעה . דר רב מיט דעם ווייב מיט דר בת יחידה זייא גייען אום פון דיא כוחות . מען האט אפ גפראוועט דעם חתנמאל פרייליך מיט דר מאזיקע . אין דר פריא מען פראוועט ווייטר אסעודה אוף דעם העכסטן אופן . זייגר צוויי האט מען גמאכט דעם באדעקנס . דר נאך איז דר רב גיגאנגן צום חתן האט דר חתן אנגיהויבן צו זאגן קבלה מעניין החתונה אז עס האט אים גפלאמט דס פנים ווי פייער . ער האט אזוי אריין גרעט אז דר רב האט שון ניט פר שטאנען . וואס ער זאגט מיין תורה ווערט דעם רב מיין לעבר אין הארצן . אין קורצן מען האט זיי גפירט צו דר חופה איז ערשט דר עולם פרייליך גווארן גאר אוף איין אנדר אופן . מען האט אפ גפראוועט די סעודה עס איז גקומן צו דר דרשה גישאנק דר חתן האט גזאגט זייער אגוטע דרשה . בקיצור מען האט גפירט חתן כלה ביי לייגן דר חתן האט זיך אנגיהויבן אום טוען האט ער זיך דר מאנט אז דר רבי הצדיק האט אים אריינגינייט אין דר כנפה איין קוויטיל אונ האט אים אנגיזאגט אז ער זאל פר דר חופה דס ארוס נעמן . אונ ער האט גאר פר געסין . על כל פנים דר חתן טוט זיך איבר גייעס אן אונ איז תיכף אריין גיגאנגן . דר פאטו מיט דר משפחה האבן דס דר זעהן זענען זיי זייער דר שראקן גווארן . אוי וואס באטייט דס . דר חתן איז צו גיגאנגן צום רב אונ זאגט אים נעמט מיט זיך די (שושבינים) אונטר פירערס אונ קומט מיט מיר אריין אין איין באזונדר חדר איך האב איך עפעס צו זאגן . דר רב האט באלד גנומן די אונטר פירערס אונ זענען אריין גיגאנגן אין איין באזונדר חדר . זאגט דר חתן איר זאלט וויסן אז איך האב עובר גווען אוף דעם רבים אן זאג גאר איך בין ניט שולדיג איך האב גאר פר געסן . על כל פנים ווייזט ער זיי די כנפה אונ זאגט אז דא אין דר כנפה ליגט איי

קוויטיל וואס דר נאר האט מיר אליין אריין געלייגט און האט מיר אנגיזאגט אז דר רב פון דעם ארט ווי איך וועל זיין מיט די אונטר פירערס זאלן דס ארוס געמן פר דר חופה . דר רב נעמט דס פענעטעסירעל אונ טרעגט אויף די בנפה אונ נעמט ארוס דס קוויטיל שטייט אין קוויטיל (היתכן שישא איש את אחותו) איז דען רעכט אז איין מענש זאל נעמן זיין שוועסטער דר רב מיט די שושבינים קוקן אין קוויטיל אבר זיי ווייסן קיין פירוש ניט וואס ער האט אנגישריבן ; דס ווייסט איטליכר מענש אז זינט נאך מתן תורה מעג קיין ברודר ניט נעמן קיין שוועסטר . זיי ווייסן ניט וואס דס באטייט . דר ווייל האט גיווערט די קלעריכץ ערך איין פערטיל שעה . דר מחותן האט דר זעהן אז עס גדויערט זייער לאנג האט ער גנומן די קינדר . אונ איז צו גיגאנגן צו דר טיר אונ האט אקלאפ גטאן אין דר טיר מען האט אים געעפנט . דר הערט דר פאטר אז עס איז דא עפיס איין קוויטיל אין קוויטיל שטייט (היתכן שישא איש את אחותו) אונ מען קלערט וואס באטייט דס . רופט זיך אן דר פאטר זאג מיר מיין קינד פון וואנן קומסטו ארוס נאר דעם אמת . זאגט דר חתן גלייבט מיר אז איך ווייס ניט . נאר דס גדענק איך אז אגברי ער האט געהייסן איוואן האט מיך ארוס גנומן פון איין גרוב . ביא דעם אונ דעם שררה אונ האט מיר גיגעבן אפליבע ערבליך אונ האט מיך אריבר גישטעלט איבר דעם גרעניץ פון דעם שררה אונ מען האט מיך אזו לאנג גפירט ביז צום רבי הקדוש ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב אונ ער האט מיך גמאכט פר איין יוד . דר פאטר אונ מוטר האבן דס דר הערט איז זיי אריין גקומן אין שכל . אפשר איז דס זייער קינד וואס זיי האבן פר נעמן אין גרוב . רופט זיך אן דר פאטר מיין קינד דו גדענקסט נאך דס דארף פון דעם שררה . זאגט ער יוא . גדענקסט די בעלי בתים פון דארף זאגט ער יוא . האט דר רענדאר אן גהובן אום צו רעכינן די נעמן פון די בעלי בתים אונ דעם בעל הבית איוואן אונ זאגט איין סימן ער איז איין בעזדיטניק . אונ רעכינט אים דעם לאקאשען דעם שלעכטן . דר חתן האט דס גהערט אונ שווייגט דר פאטר אונ מוטר זענ[illegible] ארוף גלאפן אויף דעם מאלדה

אונ׳ האבן אן גהובן צו קלאגן . די ביסט אונזר זון . בקיצור זיי האבן זיך צו רעט . דר חתן זאגט דעם סיפן . די פאטר אונ מוטר זאגן דעם סיפן . דר אמת איז אז ער איז זייער קינד . היינט איז דר רענגראר שיין זיין פאטר . אונ די קדושין זענען בטעות זענן זיי גיט חל . דר רב האט דס דר הערט . זאגט ער צו דעם פאטר . נא היינט נעמט זיך פר אייך מחותן אז השי״ת האט גהאלפן אז הצדיק הקדוש האט פר היט אז ער זאל ניט נכשל ווערן אין עבירה כזו . איך גיב אייך דעם גלד ווס איר האט צו גזאגט אים . אונ לאמר שטעלין איבר נאייעס חופה בשירה למזל טוב . די פאטר אונ מוטר האבן ניט פיל גיטראכט אונ מזל טוב אונ מען האט גישטעלט איין חופה מיט דעם רבס בת יחידה אונ זיי זענן גוועזן נגידים ביז צייט זייער לעבן . השי״ת זאל אוף אונז רחמנות האבן אונ זאל תמיד אפ היטן אז מיר זאלן חלילה ניט נכשל ווערן אין קיין שום עבירה . ובזכות זה וועט אוף אונז דר רוסישער קיסר יר״ה אונ אלע זיינע שרי מלוכה גוטע הערצר האבן . אונ זאלן אונז נוטץ זאן עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן סלה :

## ענדע